# אבותינו בולעטין

718-640-1470

א קורצע איבערזיכט פון די וועכנטליכע אקטיוויטעטן פון אבותינו

## צדקתו עומדת לעד

נעלה על זכרונינו לטובה האי גברא יקירא איש ישר נפש יקרה ועדינה
אשר עמד לשרת הציבור באמונה בלו"נ רבות בשנים בעיר טאקאי
כמוה"ר ר' **משה ישראל** בן ר' יוסף חנוך **לעווי** ע"ה
של"ח ביום ג' בשבוע זו לדאבון לב מכיריו וידידיו
ובנדבת ידידיו נקבע לימוד החודש סיון בהת"ת החרדי בבודאפעסט "נחלת אבות" לטובת נשמתו
ובהיות שלא הניח זש"ק ע"כ נא לעשות נייחא לטו"נ וללמוד בעדו וזכרו הטוב לא ימוש. תנצב"ה.

## זבארוב, סלאוואקיי

מצבת של הגה"צ רבי צבי הירש זצ"ל, אבי בעל ישמח משה זי"ע




בס"ד

• פארגאנגענעם זונטאג איז פארגעקומען א געלונגענע אסיפה בבית כ"ק הגה"צ אב"ד שאפראן שליט"א וואו עס איז געשאפן געווארן א טיילווייזע קאמיטע להצלת הביה"ח. אין די פארלגנדע טעג וועלן זיך אי"ה אנשליסן נאך משפחות צאצאי יוצאי העיר הי"ו.

• עס איז באשטעטיגט געווארן דורך די חשוב'ע חברי הוועד תיכף ומיד צוצוטרעטן צו די איבעבוי פון די גדרים וועלכע זענען אין גאר א בזיון'דיגע צושטאנד.

• עס איז אנגענומען געווארן אז גלייך דערנאך וועט מען צוטרעטן צום תיקון פון די קרוב צו 1,000 פארווארפענע מצבות.

• ביי די אסיפה איז געהערט געווארן באריכטן פון עדי ראי', אפשטאמיגע פון די קדושי עליון, מנו"כ אין זבארוב, אז זיי האבן נאך נישט בייגעוואוינט אזא פארלאזטן מצב. ווי עס איז באקאנט, איז זבארוב געווען א פארצייטישע, דערהויבענע וואוינארט פון גרויסע צדיקים וחסידים אנשי מעשה.

ס'איז איבריג מאריך צו זיין אין די גרויסקייט פון צוהעלפן ערמעגליכן אפצוראטעווען די גאר אלטע און הייליגע ביה"ח, מנו"כ של אלפים מתי מצוה.

**צו ווערן א שותף צו די הייליגע אונטערנעמונג, פארבינדט אייך מיט די וועד:**

**נשואי הועד:** הגה"צ אב"ד **שאפראן** שליט"א — הגה"צ אב"ד **ליעזש** (לאנדאן) שליט"א

• הגה"צ הרב **ליפא** בהרר"א **טייטלבוים** שליט"א – הרב **יעקב דוב טייטלבוים** אב"ד סיגעט שליט"א

• האחים הח' בני הגה"צ **מ'טשאקאווע** שליט"א — הרב **בעריש מייזליש** בשם זקינו הגה"צ **מליעזש** שליט"א

• מצאצאי הרב החסיד ר' **מנחם** בהגה"צ ר' **מרדכי יצחק ווייסבערג** זצ"ל ע"י הגה"צ אב"ד **שערי חסד** ואחיו הרב **מרדכי גאלד** הי"ו

נכדי הרה"ק ר' **ישעי'לע קערעסטירער** זי"ע ע"י הרב **מענדל רובין** הרב **שלום אליעזר ליכטענשטיין**, הרב **יואל פרענקל** הי"ו

• צאצאי הרב החסיד ר' **ישראל אלימלך ווערטהיימער** ז"ל ע"י נכדי הגה"צ אב"ד **פריימאן** זצ"ל

**פאר סיי וועלכע פראגן בנוגע די אינטערנעמונג, ביטע פארבינדט אייך מיט:**

הרב **יואל יעקב מייזליש** [עומד בראש עבוה"ק] – 917-836-8053 – אדער מיט אבותינו אויף עקסט. 303

בשם הוועד: התודה והברכה למע"כ הרבני הנכבד ר' שמעון פריעדמאן הי"ו אשר פעל בכל לב לטובת הביה"ח

## דוגמא פון א פארלאזטע ביה"ח וואס איז מתוקן געווארן בכבוד הראוי אין די יעצטיגע טעג א דאנק די אינטערווענץ פון די בני המשפחה. וממני ילמדו וכן יעשו.










1) ביה"ח שרעקליך פארלאזט, הפקר, באוואקסן. 2) הערליכע גדר געבויט דורך אפשטאמיגע משפחה. 3) ביה"ח גערייניגט און מתוקן בכבוד הראוי.

## הערכת שומא:

**אין די פאלגנדע ביה"ח זענען פארלאנגט געווארן פון די משפחות פולקאמע באריכטן**

**מאקשע, סלאוואקיי** - Moksa
ע"י האחים הח' **שווארץ** הי"ו

**קאלין, אוקריינע** - Kalyny
ע"י מוה"ר **בערל העכט** הי"ו

**נאראל, פוילן** - Narol
ע"י מוה"ר **ישכר רובין** הי"ו

**נאנעשט, ראמעניע** - Nanesti
ע"י מוה"ר **אליעזר זוסיא שטערן** הי"ו

## בוי פראיעקטן זוממער תשע"א

| ראמעניע | ראמעניע | אונגארן | אוקריינע | סלאוואקיי | פוילן | בעלארוס |
|---|---|---|---|---|---|---|
| בערבעשט | **עגערבעגי | סעדרעש | *בריד | הומענע | לינסק | *קאברין |
| **לודאש | איבערווישעווע | ניר-קאראס | קאלאמייע | *ברעזאוויצע | | |
| לאזנע | גרויסווארדיין | סאמבאטהעלי | *דעלאטין | ווערבוי | | |
| אטיא | מ. נעמיזשע | **קונאגוטע | ארשיווע | **טשעטנעק | | |
| קאמאראזשאן | גערעש | דיורא | | זבארוב | | |

* ביה"ח אינמיטן די ארבעט
** ב"ה פארענדיגט די ארבעט

נתפרסם לע"נ
דבורה רעכיל ב"ר
מרדכי יודא ע"ה

Heritage Foundation For Preservation of Jewish Cemeteries (HFPJC)
616 Bedford Ave, Suite 2-B, Brooklyn, NY 11211 T: 718-640-1470 E: hfpjc@thejnet.com
**Affiliated Organizations: London**: Committee for Preservation of Jewish Cemeteries in Europe · **E. Yisroel**: Asra Kadisha